NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13501

VINTER-LIDER

Leib Kvitko

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זיי גרייט

ל. קוויטקא

ווינטער־לידער

№ 10

אוקר. מעלוכע נאצמינפארלאג

ל. קוויטקאָ

ווינטער־לידער

...טראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

№ 10 ביבליאָטעק „זיי גרייט“
אוקרמעלוכענאַצמינדפאַרלאַג

Бібліографічний опис
цього видання вміщено в
„Літописі Україн. Друку“
„Картковому репертуарі“
та інших покажчиках
Українськ. Книжк. Палати

אר. פ. ס.
ו־טע אינטערנאַציאָנאַלע פאבריק
כארקאָװ, סטערװאני ריאדי 28־25

אוקרהויפטליט 4287
באש. 1869 טיראַזש 5000
1935

פאראַנטװארטלעכער רעדאַקטער
פונ דער „זײ גרײס"־ביבליאָטעק—
ם. רוזינ
טעכרעדאַקטער — װעקסלער
צײכענונגענ — ראָדניעװ
קאָרעקטער — ל. הילער
פאפיר 94 x 62 — $1/_{32}$—38 קג.
0,63 דרוק־בויגנ, אינ 1 פאַפיר־
בויגנ 75 ט. דרוק־צײכנס
אָפּגעגעבנ אינ זאַצ—22 דעק. 34 י.
איבערגעגעבנ אינ דרוק—8 פעװר.

אינעם דרויסנ שטייט דער פראָסט.
ווי ער שטייט—אזוי זיך שטייט ער.
גייסט ארויס צו אים—ער לאָזט.
נאָר וו'הינ דו גייסט—אהינצו גייט ער!

האָט מענ וועש ארויסגעהאנגענ—
איז דער פראָסט דאָס וועש באַפאַלנ
אונ באשיט עס מיט קריסטאלנ.

האָט מענ וועש ארויסגעהאנגענ—
כאַפּט דער פראָסט
אונ מאכט עס האַרט,
הארט אונ פראָסטיק
אונ פאַרדארט.

ווי ס׳איז אופגעהאנגען,
שטעל אוועק דאָס וועש—
סע שטייט.
טו א שטופּ דאָס וועש—
סע גייט,
ס׳איז אוועקגעגאַנגען.

אויבּ די זון דערלאנגט מיט שטראַלן,
גייען אויס די שניי־קריסטאַלן,
און דאָס וועש אין גאַנג וועט פאַלן.

ווינטל, ווינטל, רײַטערל,
אפ מײַן דאשעק רײַט.
פראָסט, דער פראָסט, דער שנײַדערל
מיר דאָס נעזל שנײַדט.
פראָסט, דו פראָסט, דו ציפּערל,
ציפּעסט אין די באַקן!
די שלײַטנס אפ די שנייען—
קנאַקן!

אפנ שליטל



אָנגערוקט דאָס היטל,
א נעמ געטאָנ דאָס שליטל,
צו דעמ בארג דאָרט מיטאמאָל,
אונ פונ דאָרט — אינ טאָל.

ביקענ זיכ שליטלענ ליגנדיק,
אונ זיצנדיק אונ וויגנדיק,
אויכ אפ אלע פיר, —
ווי סע גלוסט זיכ מיר.

טוט אַ קרימ דאָס שליטל,
פאַלט אַראָפּ דאָס היטל,
פאַל איכ אויכעט מיט,
נאָר דאָס שליטל ניט.

שליטל פאָרט אַליין אַוועק
מיט דעם לאַנגן שטריקל־עק,
טוט אַ גליטשע ווי אַ שאָל —
און סע בלייַבט אין טאָל.

נאָר מייַן שליטל וואַרט ניט לאַנג,
כ'פלי אַראָפּ צו דעם, דערלאַנג.
און איך הויב אָן נאָכאַמאָל: —
פונעם באַרג — צום טאָל.

שניי, שניי,
אַף די פעלדער
שיט און גיי.
דעק זיי צו,
דעק זיי איַין,
אַז סע זאָל זיי
װאַרעם זיַין.

לאָז דעם פראָסט
ניט צו צו זיי,
לאָז ניט פרירן
דעם פּאַרזיי.

דעם פאַרזיי

מוז וואַרעם זײַנ —
מיט אַ קאָלדרע
דעק זיי אײַנ.
ווערט דער פראָסט
ניט קענענ בּראָטנ,
ווערט דאָס ווינטער־בּרויט
געראָטנ.

שיט, שיט,
ווי געהער,
אפּ די סטעפּעס
שיט וואָס מער.
שיט, שיט,
שיט זיכ אײַנ, —
זאָל אינ פרילינג
וואַסער זײַנ:
רעגנס פעלנ
דאָרטנ אויס,
זומער־היצנ
זײַנענ גרויס.

און די טוּוּעס,
אַלט און יונג,
לעכצן זומער
נאָך אַ טרונק.

שניי, שניי,
שיט זיך פיל,
ווײַל מיר דאַרפן
אויך אַפּ שפּיל.
מיט די שליטלעך,
מיט די ליזשעס
וואַרטן, וואַרטן
מיר אַף דיר!
און דאָס וואַרטעניש
איז גרויס.
נו, שויִנ, נו, שויִנ,
שיט זיך אויס!

שנייענ,
שנייענ,
שנייעלעכ, —
פליענ פריילעכ,
דרייענ זיכ,—
שפילנ,
שרעקנ איינס דאָס צווייטע:
— בו־בו, לויפ;
איכ וועל דיכ כאפנ
אונ דיכ מאכנ פאר א טראפנ.
גיכער,
גיכער, גיכ אנטלויפ!..

לאָמיר דאָ
דעם וועג פארשיטן,
אין די עקן,
איינדערמיטן.

גיכער!
גיכער!
גיך געדרייט!
גלייך געפאלן
און פארשנייט! —
זעט:
דער אלטער וועכטער גייט!
גיכער, גיכער,
כעווריע־שנייען!
זאָל ער גאָר דעם וועג ניט זעען!
שטענדיק שמיצט ער
אונדז פון וועג,
שטענדיק קערט ער
אונדז אוועק
מיט זיין בעזעם
מיט זיין גרויסן,

מײנט, סע זײַנער נאָר
דער דרויסן!
רײנ גאָר וויל ער
זאָל אים זײַנ!
שיט אינ קאָלנער
אים אַרײַנ!

אוי, אנטלויפט,
אוי, שנײען, שנײען,
זי, זײַנ אַלטע,
האָט דערזען,
אונ דעם בעזעם טראָגט זי:
שנײען!
דרײט זיך אויס
אונ לאָזט זי גײען.

א ווינטער-מייסל

לויפט ארומ א בער אינ וואלד.
אָט-אָ איז שוינ ווינטער באלד.

ווינטער,
ווינטער,
ווינטער גייט!
אונ דער וואלד איז אָנ א קלייד,
אָנ א פויגל, אָנ א נעסט,
גאָר א נאקעטער פאר פרעסט.

אינ אזא מינ גרויסנ,
גרויסנ,
קאלטנ, ווינטיקנ
אינדרויסנ —
הוילערהייד,
אָנ א קלייד!

שטעלט זיך בער באַם בּרעג אָוועק,
ביידע לאַפּעס אויסגעשטרעקט:
„פּעטער־שנייער!
כ׳בעט דיך זייער, כ׳בעט דיך זייער, —
ס׳איז דעם וואַלד שרעקלעך קאַלט,
שיק אַ צודעק אַראָפּ באַלד!"

פליט דער פּעטער־שנייער, פליט ער,
שיט ער, שיט ער, שיט ער, שיט ער
פּוך און פּוך
אָן אַ בּרעג,
באַלד דעם וואַלד שוין צוגעדעקט.

לויפט צוריק אין וואַלד דער בער,
פרייען־דרייען היץ און הער. —
ס׳פּאַסט דעם וואַלד אַ קלייד אויף ווינטער!
לויפט דער בער און באַלד פאַרשווינדט ער.

— וווּ׳הין איז ער אַנטלאָפן?
— געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן!



שניי אונ שניי אונ שנייעלעכ,
פּיצינקעלעכ טײַבעלעכ,
פֿליִענ, פֿליִענ, זעצנ זיכ
אפ דער גאָרער וועלט.

ווערט די וועלט א ליכטיקע,
פֿול באַזעצט מיט טײַבעלעכ,
שניי אונ שניי אונ שנייעלעכ,
פֿרישע ווי די קעלט.

גיי איכ — שפּרינגענ טײַבעלעכ,
לויפֿ איכ — פֿליִענ טײַבעלעכ,
שניי אונ שניי אונ שנייעלעכ,
מיכ פֿארדרייענ זיי.

אוי, א שאָד צו רירן זיי!
או, א שאָד צעטרייַבן זיי!
שטיי איך בעסער, ריר זיך ניט, —
ס'טוט מיר הארציק וויי.
ניין, בעסער לאָזן זיך —
דרייען זיך מיט זיי!

פר״ז 20 קאפ

Єврейськ. мовою:

Л. КВІТКО

Зимові пісні.

—

На еврейск. языке:

Л. КВИТКО

Зимние песни.

Державне Видавництво Національностей УСРР при Президії ВУ[illegible]